משאות נפשו הטהורה:

# דערהויבענע יארצייט סעודה ואסיפת חיזוק געפּראַוועט אינאיינעם מיט גבאי 'קופת חינוך הטהור' דק"ק סאַטמאַר קרית יואל

דעם פאַרלאָפענעם מיטוואך נאכמיטאג, בעצם יומא דהילולא קדישא פון רבינו הק' זי"ע, האבן זיך צוזאמגענומען די איבער 40 גבאים פון קופת חינוך הטהור צו א גייסטרייכע און אייגנאַרטיגע סעודת הילולא מיוחדת, וואָס איז צוגעשטעלט דורך דעם יו"ר הקופה הר"ר אלימלך ישי בערקאוויטש שליט"א און איז פארגעקומען אין דעם זאַל פון גארפיעלד מענאר, בנדבת הרה"ח ר' זלמן לייב ווײנשטאק הי"ו.

דער מסיבה האט געדינט אַלס מעמד הכרת הטוב פאר די חשוב'ע גבאים און ווי אויך איז מען איבערגעגאנגען אַלע פעולות ביז אַהער ווי מען האָט שוין בס"ד אריינגעברענגט עטליכע 'מיליאָן' דאָלאַר פון נדבות אנ"ש תושבי קרית יואל בכלל און בפרט פון דעם וועלט בארימטן סאטמארער כולל אין קרית יואל וואס אַן אש להבת נעמט ארום די קרוב צו 700 לומדי ועמלי תורה צו שטיצן און זיין פון די מחזיקי תורה.

דערביי האָט מען זיך ווייטער געשטאַרקט צו אָנהאַלטן מיט די הצלחה האדירה און ווייטער מקבץ זיין על הגבאו"ת צוזאמצונעמען די סכומים פון די אינגעלייט מידי חודש בחדשו. ס'איז דערמאַנט געוואָרן די ווארימע ווערטער פון רבי'ן שליט"א יעדעס מאָל ווען עס קומט צו רעדן פון דעם קאסע וואס האט שוין אויפגעטון גדולות ונצורות און איז שוין זינט דאַן נאכגעמאכט געווארן אין אַנדערע שטעט און געגנטער, אין פילע סאטמארער צענטערן, מקדים צו זיין די מנהלים מיט הערליכע סכומים טרם יקראו.

די סעודת הילולא איז געווען מיט דער השתתפות פון הרה"ג ר' שבתי קאהן שליט"א מו"ץ בקהל יטב לב און הרה"ג ר' אשר זעליג פריינד שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד בית שלמה מיכל. אַזוי אויך האבן זיך באטייליגט די ראשי מפעל אחיעזר, און אַנדערע חשוב'ע עסקני הקופה, און עטליכע מנהלי מוסדות על טהרת הקודש וועלכע האבן זיך דאן געפינען דאהי.

עס איז געווען צוגערישט א רייכע סעודת הילולא, נדבת הר"ר חיים אברהם ראזענפעלד הי"ו, לע"נ אביו ר' נחמי' צבי בן חיים אברהם ז"ל.

צוערשט האט אויפגעטרעטן דער מנהל הקופה מוה"ר אלימלך ישי בערקאוויטש שליט"א - וועלכער שטייט בראש פון די פעולות - מיט רגשי הכרת הטוב און מחזק געווען די גבאים אנצוגיין ביתר שאת.

דערנאך האט אויפגעטרעטן א מנהל המוסד פון ארה"ק, הרב דוד בריזל שליט"א מנהל מוסד "חינוך ירושלים" בית שמש, וואס האט ארויסגעברענגט וואס א מנהל גייט אלץ אדורך און וואס די קופה מיינט פאר זיי, אז מען ווייסט אז ווען מען קומט קיין ק"י האט מען צו וועמען צו קומען, ווען די הנהלת הקופה נעמט אויף יעדן מנהל מיט א ווארימקייט מיט א גרייטע טשעק.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' מיכל שלעזינגער הי"ו מגדולי עסקנים רבות בשנים למען טהרת הקודש מיט דברים היוצאים מן הלב; וואָס דאָס מיינט אַז אַ מנהל המוסד וואלגערט זיך ארום ווייט פונדערהיים, זאָגנדיג מיט התרגשות אז דער רבי זי"ע באגלייט זיכער יעדן איינעם וואס איז ממשיך זיין שאיפה, ר' מיכל האט דערביי פארציילט עטליכע שיינע עובדות לרגל די יומא דהילולא.

אַ הערליכע געשאַנק איז פארטיילט געווארן פאר אַלע באַטייליגטע אלס פּאַסיגע הכרת הטוב פאר די חשוב'ע גבאי הקופה.

נאָך אַ לענגערע צייט פון פאַרברענגען אינאיינעם בשבת אחים האָבן די גבאים האבן זיך צושפרייט אַנטשלאָסן ווייטער אנצוגיין און צוזאמנעמען די ריזיגע סכומים לטובת די הייליגע מוסדות אין ארה"ק וואס זענען נישט נהנה משלחן איזבל.









# תושבי קרית יואל וועלן אויפנעמען מיט אַן אויסטערלישע וואַרימקייט די שלוחי דרחמנא לטובת ק"ק ומוסדות 'ברסלב קרן אור'

## קהילה הק' קרן אור פארמאגט היינט אונטער זיך א נעץ פון 250 כולל אינגעלייט - 5 בתי מדרשים אין ירושלים עיה"ק און בית שמש - א ישיבה קטנה מיט העכער 80 בחורים – בנוסף פארמאגט זי מערערע דערהויבענע חבורות פון העכער 200 בחורים כ"י וועלכע ווארימען זיך בצוותא חדא און שטייגן בתורה ובקדושה

קרית יואל. - מיט א ברודערליכע ווארימקייט גרייט מען זיך אין די שטאט קרית יואל אויפצונעמען די חשוב'ע מסירות נפש'דיגע עסקנים מטעם די קהילה קדושה 'קרן אור' ברסלב וועלכע קומען ארויס מידי שנה בשנה לטובת די חשובע מוסדות מיט איר 'הרבצת התורה' און בתי מדרשים וישיבות און כוללים אין ירושלים עיה"ק און אין בית שמש.

זייטיג צו די צענדליגע מוסדות התורה וועלכע לעבן אפגעשיידט פון די שלחן איזבל און רופן אויס מיט א גבורה דקדושה אז זיי ווילן נישט נהנה זיין פון די טמא'נע שלטון הרשע שטייט די חשובע קהילה הק' קרן אור, וועלכע איז כשמו כן הוא: 'א קרן אור' פאר די הונדערטער משפחות וועלכע געהערן צו די ברסלבער קהילה, אבער ווילן זיך פירן אפגעשיידט און אפגעזונדערט פון די ציוניסטישע השפעה, נאר זיין דבוק אין די קדושה און שטייגן בתורה וביראה על דרך הסלולה לנו מדור דור.

די קהילה הק' וועלכע איז געגרינדעט געווארן מיסודו פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א און דערהאלטן פון אים די ריינע יסודות, איז זיך היינט צואוואקסן און איז היינט אן אימפעריע פון תורה וקדושה און איר השפעה דערקענט זיך זייער ווייט.

עס איז אוממעגליך אין ראם פון איין ארטיקל אויסצושמועסן אלעס וואס די קהילה הק' פארמאגט אבער אויפ'ן שפיץ גאפל וועלן מיר דא אנרירן די קערפערשאפטן וואס די קהילה הק' פארמאגט היינט צוטאגס.

די קהילה הק' באשטייט היינט פון מער ווי 500 בתי אב. עס איז איינגעטיילט צווישן ירושלים און בית שמש און אלעס אינאיינעם פארמאגט זי פינף שולן, פיר פון איר אין עקסטערע געגענטער אין די שטאט בית שמש און די צענטראלע שול אין ירושלים עיה"ק.

די שולן זענען דער יסוד פון די קהילה, אין איר קומען פאר אלע מעמדים און די געהויבענע געווייקטע תפילות משולב מיט אסאך געגועים ווי עס איז דער נוסח אין ברסלב, אבער ווי געזאגט זענען זיי דער פונדאמענט פון די קהילה.

די קהילה פארמאגט א מכינה לישיבה קטנה און אן אייגענע ישיבה קטנה וועלכע ציילט זיך היינט איבער 80 בחורים כ"י.

א וועלט פאר זיך איז דער עולם הכוללים אין קרן אור. אזויפיל ווי 250 אינגעלייט זענען היינט צוטאגס משים לילות כימים בתורה אין די כוללים נעץ פון 'קרן אור' וועלכע איז אויסגעשפרייט איבער ירושלים און בית שמש און פארמאגט אונטער איר שירעם 9 באזונדערע כוללים בהלכה ובגמרא און אויך א ספעציעלער כולל פאר די בני עליה וואס זענען זיך משלים בנסתרות התורה.

די כוללים איז היינט א שם דבר איבער גאנץ ארץ ישראל, עס איז איבעראל בארימט אז די אברכי הכולל פון 'קרן אור' זענען אויסגערופענע תלמידי חכמים און שמ'ען איבעראל מיט זייער התמדה און אויך מיט זייער כח אין הוראה, ארויסגעבנדיג פון זיך עטליכע מורי הוראה בישראל.

אין די חסיד'ישע וועלט און במיוחד אין ברסלב האט דער נושא פון צוזאמענהאלטן די יונגווארג, אז מען זאל האלטן צוזאמען בצוותא חדא, אייביג פארנומען א שטארקע ארט. און אויך אין דעם הינזיכט איז 'קרן אור' אויסגערופן און באקאנט מיט אירע געווייקטע חבורות און די בני עליה וועלכע דרייען זיך אין איר.

היינט צוטאגס באשטייען די בחורים חבורות אליין פון 200 בחורים!!! אין ראם פון די חבורה ווערט צוגעשטעלט מערערע פעולות וואו די בחורים זאלן קענען שטייגן מעלה מעלה בעבודת ה'.

ביי די בחורים איז דא די חבורות און ביי די אברכים איז דא די כוללים אבער ועל כולם איז דא דער מפעל וועלכע איז מאחד אין זיך אלע בני הקהילה. די קשר איז קשר עליון דאורייתא און אלע חברי הקהילה אינאיינעם לערנען א לימוד הלכה יעדן טאג.

די לימודים וועלכע איז היינט א 'מפעל' פאר זיך פאראייניגט אלעמען און איר שטארקייט דערקענט זיך מידי שנה בשנה ביי די פארהערן ווען עס שטעלן זיך הונדערטע בני הקהילה, זקנים עם נערים, צו די פארהער אויף די שווערסטע מקצועות שבהלכה.

ווי עס איז איינגעפירט אין יעדע קהילה וועט מען אויך שטיצן די אברכי הקהילה פאר די ימים טובים מיט א שיינע תמיכה אז זיי זאלן קענען אריינברענגען די יום טוב בהרחבה גדולה, ווי עס פאסט זיך פאר א אידישער שטוב.

אזוי אויך האלט די קהילה אן מיט די הפצה פון די הערליכע תורה'דיגע גליון 'קרני אור' וועלכע איז פול מיט הערליכע און דערהויבענע געדאנקען וועלכע שטארקן און ערמוטיגן די בני הקהילה און אויך אידן פון די פרעמד זענען נהנה פון דעם זוכנדיג א ווארימע און א דערקוויקנדע גליון וועלכע זאל אריינבלאזן חיות אין זיי.

א באזונדערע דגוש ווערט געלייגט צו זיין מובדל ומופרש פון די איינפלוס פון די אלגעמיינע גאס. א ספעציעלע וועד איז אויפגעשטעלט געווארן אפצוהיטן און צו דערוועקן די באקאנטשאפט איבער די סכנה וואס הערשט אין די טעכנאלאגישע כלים. דער וועד האט שוין באוויזן אויפצוטון גדולות ונצורות זינט איר עקזיסטענץ.

עס איז איבעריג צו זאגן אז די אלע פעולות - וועלכע ווי באטאנט איז דאס נאר א טיילווייזע ליסטע פון די פעולות וואס די קהילה פארמאגט - ציט אריין אין פאנטאסטישע סומעס פון שווערע הונדערטע טויזנטער דאלאר יאר יערליך.

מיט די יארן האבן זיך אנגעזאמלט שווערע חובות אויף די פלייצעס פון די חשובע עסקנים און יעצט אפעלירן זיי צום חשוב'ן ציבור - אחים לדעה - וועלכע שעצן און פארשטייען די חשיבות פון אזעלכע זיידענע אינגעלייט, בני עליה וועלכע ווילן זיין מובדל ומופרש פון די ציונים און זייער איינפלוס, וועלכע דערקענט זיך שוין היינט ליידער זייער גוט.

ביי די הנהלת הקהילה הערשט א שטארקע אויסקוק אז די קאמפיין זאל מצליח זיין און אז כלל ישראל זאל זיך אנרופן ווארעם און ביישטייערן גרעסערע און שענערע סומעס לטובת החזקת די הייליגע קהלה און מוסדות.

עס איז נישט קיין צווייפל אז די זכות פון החזקת התורה והקדושה איז אויסטערליש גרויס און עס איז צום האפן אז דער עולם וועט זיך אנרופן ווארעם און עס וועט זיין א שטארקע הצלחה פאר די קאמפיין, אז עס וועט אריינגעשיינט ווערן א קרן פון אור פאר די בני הקהילה און פאר די עקזיסטענץ פון די הייליגע קהילה פאר לאנגע יארן.







מקום המשפט שם הרשע:

# שווערליכער אורטייל ארויסגעגעבן אויף 2 פון די גבורי חיל צו בלייבן אין ארעסט ביזן ענדע פונעם משפט אן קיין מעגליכקייט פאר בעיל

## דריטער גיבור חיל פאראורטיילט פאר 40 טעג תפיסה און איז שוין אצינד ב"ה באפרייט נאכן אפדינען דעם גאנצן טערמין

די דריי געריכטן עקסטער אויף יעדן פון די גבורי חיל האבן סיי ארייגעבלאזן חיזוק אין די עסקנים און פאר דעם יהדות החרדית און גלייכצייטיג געצייגט די הארטנעקיגקייט פון די רשעים, עודך מסתולל בעמי לבלתי לשלחם.

ביים משפט פון ר' אלעזר צדוק קויפמאן הי"ו שטעלט זיין טאטע ר' אברהם שליט"א קלאר פאר'ן שופט: "מיר פרייען זיך פאר יעדן טאג עקסטער וואס אונזער זון זיצט, גייענדיג אין די וועגן פון אונזער לעגענדארן זיידן ר' עמרם בלוי זצ"ל".

דער גאנצער בית משפט ווערט פארוואנדלט אין א חוכא וטלולא פון די משתתפים ווען ערשטנס האט מען געמאכט א ברכו פאר'ן גיבור חיל. בשעת'ן ארויספירן האט מען געזונגען בקול צהלה "אשריך שנתפסת על דברי תורה".

איין אינגערמאן אין געריכט זאל גייט צו צו א סאלדאט און זאגט אים: "איך בין אויך אן עריק. איך וויל מיך תיכף טוישן מיט אלעזר קויפמאן!" דער סאלדאט ענטפערט אים ער זאל איםווארטן אינדרויסן און אנטזאגט זיך אים צו ארעסטירן.

ביים משפט פון ר' ארי' מרדכי ראבינאוויטש הי"ו רופט ער זיך אן פאר'ן שופט "איך וויל דיר עפעס זאגן", אבער דער שופט ווארפט דאס אפ. תיכף נעמען זיך אלע שרייען "זאג יא, זאג יא!" און ר' ארי' מרדכי רופט אויס בקול רעש גדול "איך בין גרייט צו שטארבן ווי איידער צו גיין דינען אין אייער מיליטער".

די ווערטער האבן אפגעהילכט אין בית משפט ווען אלע אין די מדינה, פונעם ראש הכופרים ביז די מלובש בשחורים אין די שווארצע כאלאטן, זעען אז דאס וואס מען שרייט אין די גאסן שוין 10 יאר "נמות ולא נתגייס" מיינט דאס אין פולן זין פון ווארט.

דער משפט פון ר' דוד מנחם מינצבערג הי"ו האט געהאט אן ענליכן פנים. לויטן געזעץ דארפן זיך אלע אויפשטעלן ווען דער שופט קומט אריין. פארשטייט זיך אז קיינער האט זיך נישט אויפגעשטעלט. און די פאליציי האט אנגעהויבן מיט זייער מחאה "שטעלטס ענק אויף!" אחוץ זייערע געהויבענע שטימעס האט זיך קיינער נישט אויפגעהויבן.

ווען דער גיבור חיל ערשיינט אין זאל, געבן זיך אלע אנוועזנדע א שטעל אויף מיט כבוד און עהרע. און די פאליציי האט אנגעהויבן ליאמערן "זעצט ענק אראפ!"

דעם היינטיגן דינסטאג פרשת שופטים איז דער אסיר ציון ר' דוד מנחם מינצבערג הי"ו ארויסגעקומען פון טורמע - אדאנק די אומערמידליכע ארבעט פון 'ועד אסירי ציון' - לשמחת לב היהדות החרדית און עס קומען פאר גרויסע מעמדי קבלת פנים לכבודו. א ספעציעלע קבלת פנים איז פארגעקומען אין שטוב פון הגה"צ רבי יהושע ראזענבערגער שליט"א, מרא דאתרא קרית הרמ"א בית שמש.

מען האפט אז מיט די 3 גיבורי חיל וועלן זיך שליסן ווייטערדיגע ארעסטן און די גזירת הגיוס וועט אינגיכן בטל ווערן.



גיבור החיל טאנצט מיט שלוחי כלל ישראל הרב שמואל ווייספיש און הרב אשר פרייפאן פון 'ועד אסירי ציון' וועלכע האבן אים באגלייט מיט א זעלטענע געטרייעשאפט און געקעמפט אויף אלע פראנטן ביז זיין באפרייאונג



דער גיבור חיל ביים איבערגעבן א באריכט פאר די העלדישע עסקנים איבער די מצב פון די איבריגע גיבורי החיל און אלע אנדערע ארעסטירטע





דער גיבור חיל ביים ארויסגיין פון תפיסה - מערקט די זעקל מיט די סטיקער פונעם ציוניסטישע פאליציי וועלכע האבן עס געהאלטן ביי זיי פאר 40



יו"ר 'ועד אסירי ציון' ביים איבערגעבן א באריכט פאר הגאון הגדול מרן רבי יהושע ראזענבערגער שליט"א מרא דאתרא קרית הרמ"א בית שמש



יו"ר 'ועד אסירי ציון' הרב שמואל ווייספיש און הרב אשר פרייפאן ביים מקבל זיין דעם אסיר ציון



מוסר הנפש ווערט געטראגן אין די גאסן אין באגלייטונג פונעם ציבור וועלכע וואקסט פון מינוט צו מינוט אויפן אקסל פונעם באקאנטן מוסר נפש ר' יוסף קויפמאן שליט"א

משמרת חומתינו

ווהאר־ץ סגר ומסוגר־ת אין יוצא ואין בא:

# 3 הויפט שאסייען אין לאנד אפגעשטעלט אין איבערראשענדן פראטעסט דורך טויזנטער מוחים קעגן די ארעסטן פון די גבורי חיל וועלכע ווערן פארהאלטן אין טורמע

מאסיווע פראטעסטן אויף עטליכע הויפט שאסייען האט געכאפט אין שאק די פאליציי, וועלכע זענען מודה אז 'אזאנס' האבן זיי נאכנישט געהאט. מען האט מודיע געווען סיי פאר אלע מוחים און אפי' פאר די באס דרייווערס אז מיטוואך כחצות היום גייט פארקומען א גרעסערע מחאה ביי דער תפיסה. אלס חשד אז עפעס מער איז געפלאנט האט די פאליציי אראפגעברענגט פארשטערקערטע כוחות אויך ביים לופטפעלד. ערשט ווען אלע באסעס זענען געווען אונטערוועגנס, האבן די באס דרייווערס באקומען די פונקטליכע צילן פון די עסקני "אחים אנחנו" וואו צו ריכטן די טויזנטער מוחים.

מיט א פאראויס-געפלאנטע סטראטעגיע זענען פארמירט געווארן 3 באזונדערע גרופעס צו באזונדערע אדרעסן. איין גרופע צו שאסיי נומ. 2 די צווייטע גרופע איז געפירט געווארן צו שאסיי נומ. 4 און די דריטע צו שאסיי נומ. 6 וואס זענען די גרעסטע שאסייען איבערן לאנד.

די לאקאלע פאליציי ביי די געשאפענע מחאה צענטערן וועלכע זענען נישט באהאוונט מיט די מחאות האבן פרובירט צו ערקלערן 'זה לא חוקי', אז דאס איז נישט אין איינקלאנג מיט זייערע געזעצן... עס האט גענומען א לאנגע צייט פאר די פאליציי פארזאמלט ביי דער תפיסה און די מיליטערלייט פון לופטפעלד זאלן פון פריש רוקן זייערע כוחות צום פרישן ציל. די מחאות האבן אנגעהאלטן פאר לאנגע שעה'ן אונטער א האגל פון מכות און שלעק, בשעת גאנץ ארץ ישראל איז פ-א-ר-א-ל-א-ז-י-ר-ט במלוא מובן המלה און דער געשריי פון יהדות החרדית 'שחררו אסירי ציון' האט ווייט אפגעקלינגען.

ביי די מחאות איז ארעסטירט געווארן איינער פון די מוחים וואס איז ב"ה באפרייט געווארן נאך אין די זעלבע נאכט אדאנק די ארבעט פונעם לאיער פון 'ועד אסירי ציון'.


ביז אין די נאכט אריין וועלן מיר דא בלייבן אויסשרייען דעם זעקת היהדות החרדית


דער עולם ביים זיצן אויפן שאסיי זינגענדיג ניגוני התעררות באגלייט מיט א תפילה צום רבוש"ע לביטול הגזירה והמדינה במהרה


העפטיגע ריקודים של שמחה ושירי המערכה


הצלה ביים קומען באהאנדלן די וועלכע זענען באהאנדלט געווארן דורך די רוצח'ישע פאליציי


זיך שטעלנדיג אין די הייעך יעדער זאל זען - יהרג ואל יתגייס!


חסיד'ישע - ליטווישע - אלע צוגלייך - יהרג ואל יתגייס!


טויזנטער ביים אויסשרייען אויף שאסיי נומ. 4 - גזירת הגיוס גזירות שמד!


כביש נומער 2 הערמאטיש פארקנאקט פאליציי קען פשוט נישט אנקומען צוליב די ריזיגע טראפיק


מבטלין תלמוד תורה - די קליינע קינדער שרייען אויס, גזירת גיוס גזירת שמד!


מ'דארף נישט מער ווי אפאר אידן מיט מסירות נפש און די מדינה פארט אויף רעדער


פאליציי אויטא מאכטלאז קעגן מסירות נפש פון א אינג בחורל


פאליציי שטייט מאכטלאז ווען פילע כאפן אפ ווי זיי קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די פאר אידאלאך...

משמרת חומותינו

# א ברייטע איבערבליק אויף דער שטורעמישער מצב אין ארה"ק

## מיטוואך ראה

שלומי אמוני ישראל בכל קצוי תבל צייכענען אפ דעם 46'סטן יומא דהילולא קדישא פונעם צדיק הדורות רבן של ישראל כ"ק מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע. ביי די פילע סעודות הילולא אין דער גאנצער וועלט ווערט די סעודה אויסגענוצט צו מעורר זיין איבער דעם מצב הנורא וואס הערשט אצינד בארצינו הקדושה און איבער דעם חובת המחאה וואס ליגט אויפן יהדות החרדית בארץ ובגולה.

מטעם "קרן ויואל משה - הצלה מגיוס" ווערט צושפרייט - איבעראל און בפרט ביים ציון הק' - ספעציעלע קארטלעך מיט די נעמען פון די 3 גיבורי חיל און אנדערע בחורים וואס שמאכטן אין תפיסה, אז די רבבות אלפי ישראל וועלכע גייען ארויף פוקד זיין דעם ציון המציונת פון רבי'ן זי"ע זאלן מעתיר זיין בעדם בתפלה ובתחנונים פארן בוכ"ע שיצא מאפילה לאורה.

*

די עסקנים פון אחים אנחנו גיבן נישט אויף און ארגאניזירן טעגליכע שטורעמישע 'נאכט מחאות' וועלכע

# הסתלקות לשמי מרום פון כ"ק מרן אדמו"ר מקרעטשניף-סיגוט זצ"ל דעם דינסטאג פ' שופטים אין עלטער פון 75 יאר

### נסתלק געווארן נאכן פלוצלינג צוזאמפאלן ליל שב"ק ביי תפלת מנחה

**דער קרעטשניף-סיגוט'ער רבי זצ"ל איז געווען מפורסם מיט זיין נאכאנאנדע השתתפות ביי מחאות, זיך ארויסשטעלנדיג אלס א לוחם מלחמות ה', און האט מידי שבוע בשבוע גע'דרשנ'ט פאר שומעי לקחו אנטקעגן די מדינה הציונית און אירע גזירות ובפרט אין די לעצטערע תקופות בשעת דעם ביטערן גזירת הגיוס ה"י**



כ"ק מרן אדמו"ר מקרעטשניף-סיגוט זצ"ל ביים צענטראלן סעודת הילולא בקרב ק"ק סאטמאר ירושלים פארלאפענעם מיטוואך

# יהדות ניו יארק מיט פלאמעדיגע הערצער צו שליסן שותפות אינעם "קופת מקדשי השם" - דער רוקן ביין פאר אלע מסירות נפש עסקנים בארה"ק

### אין בעפארגרייטונג צום גרויסארטיגן חלוקה לקראת יו"ט סוכות הבעל"ט

גדולי רבני קהילותינו חברי הביד"ץ מיט היסטארישע פסק הלכה:

**יעדער ווער עס איז א שותף אינעם קופה איז א שותף כדת וכדין אינעם חיזוק און קידוש שם שמים און אין די מסירות נפש פון די העארישע עסקנים!**

זעצן פאר פארנט פון תפיסה נו. 10 מיט קולות מחאה און פייערליכע געזאנגען. מען ברענגט אויפן פלאץ הויכע ספיקערס, און צווישן אנדערע טאנצט מען מיט הויכע מוזיק וואס - ווי די אסירים גיבן איבער - גיבט עס זיי אריין חיזוק און מוט, און דרינגט אריבער אלע מסכים וחומות המבדילים זיך מקשר צו זיין מיט זיי, ווען אנשטאט זיי זאלן זיך דרייען מיט געפאלענע געמיטער צווישן די תפיסה ווענט, דרייען זיי זיך מיטן קאפ אינדערהייעך ווען אלע האלטן מיט אז די כלי שיר און קולות זענען לכבודם, און די ערליכע אידן פון דער אנדערער זייט חומה טאנצן און שפרינגען און רופן אויס "כל כלי יוצר עליך לא יצלח".

*

אין ירושלים עיה"ק, אין דער געגנט פון 'בית וגן', קומט אן די מיליטערישע פאליציי. דער טעל. סיסטעם ווערט תיכף אקטיוויזירט און שיקט ארויס א רוף צו קומען ראטעווען. ווען די פאליציי זעט אז מוחים קומען אן, פארלאזן זיי תיכף דעם ארט בעפאר עס ווערט א גרעסערע מהומה.

*

אין שטאט יאהוד ביים שוידערליכן חילול בית החיים הקדמון קומען היינט ארויס די חשוב'ע חברי הכולל 'נחלת יעקב' שע"י ק"ק משכנות הרועים צו מוחה זיין אויפן שוד המתים. רחמנא אידכר לן זכותי' דישיני עפר!

*

א חשוב'ער אינגערמאן וועלכער איז ספעציעל ברוטאל געשלאגן געווארן ביי איינע פון די מחאות, און עס האט געקאסט גרעסערע געלטער הוצאות הרפואה, אזוי אויך זיין צוגעכאפטער 'הוט', 'סעלפאן' און 'שיך'. מען קען האבן א חלק צו דעקן די קאסטן אויפן נומער 011.972.556.775.147 און האבן א גלייכן חלק אין די מסירות נפש.

## דאנערשטאג ראה

גרויסארטיגער 'יום הגיוס' קומט פאר אין שטאט בית שמש - רמה ד'. מיליטערישע באאמטע קומען אראפ, מען לייגט אויס בענקלעך מיט מייקס אז מען זאל זיך קומען איינשרייבן רח"ל.

תושבי העיר בכלל ותושבי השכונה בפרט קומען אראפ מיט גרויס ברען מוחה זיין אויפן ארט. די הונדערטער בענקלעך האבן אנגעצויגן א קארגע דרייסיג משתתפים. פאר יעדן משתתף איז געווען אנוועזנד לכה"פ

משמרת חומתינו

3 פאליציאנטן און מיליטערלייט, ווען די משתתפים זעלבסט זענען עפ"י רוב בכלל נישט קיין איינוואוינער אינעם געגנט.

אבער! פון דא זעט מען דעם כח היצר והסתה והדחה וויפיל זיי קערן איבער צו פארכאפן - אפי' אויף א ספק - איין אידיש נפש. די מחאה האט ב"ה געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג און האפנטליך איז עס דאס לעצטע מאל וואס זיי קומען.

*

דער א.ג. "הצלה" אפיס פון חבר כנסת המינים מ. פרוש גייט ארויף א שטאפל. ביז יעצט האבן זיי זיך אנגעגעבן אז זיי העלפן איינעם וואס איז פארפלאנטערט מיטן מיליטער, אצינד האבן זיי מוסיף געווען א צוגאב סערוויס אין פאל מען קומט איינעם פארכאפן, קען מען תיכף ומיד אריינקלינגען.

אין פאל קיינער הייבט נישט אויף, קען מען זיך דירעקט פארבינדן מיט די פאליציי...

## הא לן והא להו

פארלאפענעם דינסטאג ראה איז מפורסם געווארן אין די פרעסע וועגן א בחור וואס איז רח"ל געווארן אביסל צוטרעטן פון אן אויטא, און אנשטאט מען זאל ארעסטירן דעם דרייווער, האט די פאליציי גאר פארטריבן דעם בחור און נישט צוגעלאזט הצלה פאר באהאנדלונג. עס שטרייכט אונטער אז די פרייע קענען אפשפארן גאנצע גאסן מיט 20-30 פראטעסטירער און די פאליציי איז זיי מכבד, בשעת די חרדים לאזט מען ווערן איבערגעפארן רח"ל.

און זיי האבן נאך די העזה צו שרייען שוין בנטל...

*

אין א פרישער תחבולה צו מגייס זיין נאך בחורים, איז דאס מיליטער מפרסם אז אלע עריקים ומשתמטים וואס זענען נישט געקומען ביז יעצט פאר סיי וועלכע סיבה, קענען זיך יעצט פריש איינשרייבן און עס גייט אויטאמאטיש אראפ אלע קנסות פון תפיסה און געלט שטראף, און מען בלייבט מיט א ריינעם רעקארד!

"זמני תשובה" אין העברעאישן לעקסיקאן באדייט זיך "צוריקצוקערן" צום שטן ומשחית. די 'קרן ויואל משה' הצלה אפיסעס שטייען גרייט מיט אלע תכסיסי מלחמה אפצוהאלטן

## היסטאָרישער "מסע גדולי ישראל" דורך מרנן ורבנן שרי התורה מנהיגי קהילות הקודש שליט"א פאָרנט פון תפיסה נומ. 10

פארלאפענעם דינסטאג פרשת ראה לסדר "וכל העם ישמעו ויראו"





שרי התורה מנהיגי קהילות התורה שליט"א בראש המערכה להעריש עולם ומלואו



דער ציבור האלפים ביים שטורמען די גאסן "שחררו אסירי ציון" - "גיוס בנים ובנות יהרג ואל יעבור"



הגאון האדיר ראש הישיבה רבי יהושע דוד טורצין שליטא ביים אויסשרייען מנהמת לבו הטהור דעם חובת השעה



ווערט געזען הרב החסיד מוסר הנפש, לוחם מלחמות ה', רבי אייזיק ווייס שליטא



כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א ביים אנקומען צום מעמד און רעדן דברי מחאה וחיזוק המערכה



די וועלדער ארום די תפיסה זענען ארויף אין פלאמען פון די קאכעדיגע אש דקדושה פון די מסירות נפש



ביים ליינען קריאת שמע של המיטה אויפן שאסיי



די ציבור האלפים ביים זאגן פסוקי תהלים - מערקט דעם גענעראל המלחמה הרב אהרן הייפליך יו"ר ארגון אחים אנחנו



מוסרי הנפש ביים בלאקירן די הויפט שאסיי נעבן תפיסה אויסשרייענדיג "שחררו אסירי ציון - גיבט צוריק די געפאנגענע"

## משמרת חומתינו

בחורים פון אריינפאלן אין זייערע פינסטערע טאקטיקן.

*

די מחאות ביים תפיסה נומ. **10** אנגעפירט דורך 'אחים אנחנו' צייכנט היינט אפ 2 וואכן מיט גרויס הצלחה וסייעתא דשמיא, ווען דער עיקר דאנק קומט פארן יהדות החרדית באר"ב וואס שיקט אריבער ריזיגע געלטער צו דעקן די אומגעהויערע קאסטן פון דעם קריטישן אונטערנעמונג. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אחוץ די מחאות און חיזוק פאר די אסירים, אלס א מקום הסברה והתנתקות פאר טויזנטער אידן רחבי ארץ הקודש, ווען עס קומען הונדערטער אידן פון ווייטערע קרייזן און מען האפט אז ענדליך וועלן זיי זיך געזעגנען [sic] אפטרייסלען פון די אידישע פאררעטער.

*

ליל שישי האבן די פאליציי 'געקלאפט' אין רחוב רש"י ביי א שטוב פון א בחור מחסידי גור און עס איז זיך תיכף ומיד צוזאמגעלאפן א ציבור עצום אפצוהאלטן דעם ארעסט.

אחוץ דעם טעל. סיסטעם פון די ערליכע אידן מבני ישוב הישן און דעם ערליכן ליטווישן קרייז בני תורה, איז געעפנט געווארן נאך א טעל. סיסטעם פון די חסיד'ישע קרייזן, וואס דאס טוט נאכמער פארשפרייטן דעם רוח מלחמה וואס הילט איין כל רחבי הארץ.

*

חלוקה נכבדה דורכ'ן בארימטן 'קופת מלביש ישע' פאר די חתנים גיבורי חיל ווערט פארטיילט דורך הגאון רבי שמעון יצחק שלעזינגער שליט"א חבר הביד"צ, וועלכער האט איבערגעגעבן גרויסע סכומים פאר די חתנים צו קענען צוטרעטן צום חופה, זייענדיג פארשפארט אין לאנד אן די מעגליכקייט ארויסצוקומען קיין ארה"ב שאפן געלט.

הגאון רבי שמעון יצחק שליט"א האט גערעדט גאר שטארקע דברי חיזוק והדרכה פאר די בחורים וואס האט גאר שטארק עושה רושם געווען. אויך האט גערעדט הרה"ג ר' שמואל בנימין סופר שליט"א. די גאנצע חלוקה ווערט פינאנצירט דורך תלמידי וחסידי סאטמאר פון חו"ל פאר די גיבורי חיל אויפן פראנט.

## מוצש"ק פרשת ראה

ברוך מתיר אסירים! חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו!

'והעיר בני ברק צהלה ושמחה' בשעת ווען מען איז מקבל פנים דעם ברודער רפאל יצחקוב וועלכער איז שוין געזעסן איבער צוויי וואכן אין טורמע.

ביים קבלת פנים האבן הונדערטער מענטשן געטאנצט אין די בני ברק'ער גאסן. א מורא'דיגער 'חידוש' אין בני ברק: אן 'אסיר גיוס'! מען האט אים באווארפן מיט זיסווארג און געפירט אינדערהייעך כחתן היוצא מחופתו. מען האט אים געבעטן ברכות, און ער האט באקומען כבוד מלכים, און איז דערנאך ארומגעפירט געווארן צו רבנים ואדמורי"ם שליט"א.

## זונטאג שופטים

א משמורת מחאה אין שטאט יאהוד כמידי יום ביומו. פון ירושלים עיה"ק איז מען ארויסגעפארן און מען האט מוחה געווען, און אפגעשטעלט די ארבעט פאר א שטיק צייט.

*

עס ווערט מפורסם איבער 25 חרדקים וואס זענען נעבעך אריינגעפאלן אין א בריגאדע מיטן נאמען 'מעלות צור' דורכן מסית ומדיח דוד לייבל שר"י. אפיציעל דארף מען דארט נישט אנטאן קיין גרינע וועש, און מטעם געוויסע חסיד'ישע חצרות שיקט מען דארט אפיציעל אריין אייגענע אינגעלייט, ה"י.

יענע חסידות'ן זענען שטארק ביי דער מיינונג אז ס'איז נישט נשתכח געווארן דער דרך הבעל שם...

*


קול דמי אחינו צועקים!

# קול קורא פון חשוב'ע תלמידי רביה"ק זי"ע רבני קרית יואל מחייב יעדן תושב קרית יואל מיט לכה"פ $300 פאר די הצלה אפעראציעס פון 'קרן ויואל משה – הצלה מגיוס'




ביים אפהאלטן די מאשין מיט אדמות קודש



טעגליכע מחאות זענען פאר דורך אידן המאמינים בהשארת הנפש



מערקט די קערפער-קאמערע אויפן רעקל פונעם מוסר הנפש צו מונע זיין רציחות



דער בחור מיטן הוט...



שוידערליכע בילד פונעם אויסגעריסענעם בית החיים העתיק צעשוידערט יעדן ערליכן איד



קהל 'נחלי דעת' ביים מוחה זיין און זיך אננעמען למען כבוד שמו

## משמרת חומותינו

# ס'איז דא א גזירה? ווענדט זיך וועמען איר הערט...

קול זעקה טעלעפאן ליניע שטייט שוין פאר די לעצטע צען יאר יעדן איינציגן טאג און איז מעורר, און ברענגט פארן ציבור די פאקטן פונעם פראנט, און האלט צוזאמען דעם קאמף פונעם ערליכן אידנטום בארה"ק אנטקעגן די מדינה און זייערע גזירות על הדת.

קול זעקה איז צוזאמגעשטעלט פון אן אפיס מיט ארבעטער וועלכער ברענגען אלע נייעס און גרייטן דאס אן, אז דער ציבור זאל וויסן איבער יעדע מערכה און שטיין פאראייניגט צו קענען ממשיך זיין דעם קאמף. יעדער פארשטייט אז אָן א טעלעפאן ליניע איז קיין מערכה נישטא.

די לעצטע צייט איז אריבער א נייע געזעץ וועלכע האט געביטן די צוגאנג פון אלע טעלעפאן ליניעס. דער סדר פלעגט זיין אז טעלעפאן קאמפאניס פלעגן געבן געלט פאר דעם בעה"ב פונעם קאמפאני לויט וויפיל מינוטן מענטשן האבן גענוצט די ליניע. און טאקע "קול זעקה" פלעגט ב"ה באקומען - פון די טויזנטער מינוטן וואס אידן פון איבער דער גאנצער וועלט רופן אריין - א וועכנטליכע סכום צו קענען אנגיין. אבער נאכן טויש האבן די קאמפאניס דאס גענצליך אויפגעהערט און די הכנסה וואס פלעגט אריינקומען האט זיך מיטאמאל אפגעשטעלט.

טאקע דערפאר איז "קול זעקה" ארויס מיט א קאמפיין 'הזעקה' צו אנשליסן אידן איבער ד געוואלדיגע זכי' פון נעמען א פרנס היום פאר $120 אדער א פרנס השבוע פון $500. אידן רופן אריין און נעמען זכותים, פארשטייענדיג די וויכטיגקייט. מ'קען זיך אנשליסן אויף קול זעקה טעלעפאן ליניע 605-313-6884 דריקט 8, אדער קען מען רופן דעם אויטאמאטישן אמעריקאנער נומער 718-280-1934.

טויזנט שקל ליום! עס ווערט אונטערגענומען א ברייטער קאמפיין צו שטיצן פינאנציעל די גבורי חיל מיט 1,000 שקל א טאג פאר יעדן טאג וואס זיי זיצן אין תפיסה. א פאסיגע סיסטעם ווערט איינגעשטעלט אנצושליסן 1,000 משתתפים וואס צאלן 'איין שקל', וואס קומט אויס אין אמעריקאנער געלט די ווערד פון א קוואדער.

זיך אנצושליסן אינעם קאמפיין קען מען רופן 011.972.799.691.265 דאס שטעלט אוועק א נייעם פרעצעדענט פאר די טויזנטער בחורים און אינגעלייט לחזק את רוחם, זעענדיג אזא מספר עצום פון אידן וואס שטייען גרייט בכל מאודם למען הצלחת המערכה.

## מאנטאג שופטים

א חשוב'ער אינגערמאן ר' אברהם בן שלומית וואס האט געוואלט מאכן א 'פטור', און ער איז ליידער אריינגעפאלן אין תפיסה, אבער ווען ער האט געזען די מסינ"פ פון די 3 גיבורי חיל, האט ער אפגעמאכט נישט צו זיצן מיט די מיליטערישע וועש, און מען האט אים אויך אריינגעלייגט אין דעם לאך-בידוד בלע"ז.

די מוחים ביי תפיסה נום. 10 רופן עקסטער אויס זיין נאמען אים צו מחזק זיין.

*

אין דער שטאט 'פתח תקוה' האט די מיליטערישע פאליציי פרובירט איינצוברעכן אין 4 הייזער. ביי אלעמען האט מען תיכף אקטיוויזירט די טעל. סיסטעם און מען איז געקומען צולויפן און אויך די פאליציי איז געלאפן...

*

ביי א פאליצייאישע צערעמאניע פארזאמלונג פרעגט א רעפארטער פון א געוועזענעם אפיציר, "פארוואס ביי די חילונים גיט מען נישט קיין שלעק און מען העלפט גאר די פראטעסטירער, ווען ביי די חרדים האקט מען מכות מיט בוא"ש?" ענטפערט דער אפיציר: "פארוואס פארשטייסטו נישט?! דער חילוני איז א חלק פון די מדינה, סך הכל שרייט ער פאר א בעסערן געזעץ. דאקעגן דער חרדי איז זיך מתנגד צו די גאנצע מדינה און איז נישט קיין חלק דערפון, קומט זיך אים מכות."

## דינסטאג שופטים

די מיליטער איז מודיע אז זיי גרייטן אן 'געצעלטן' ביי די תפיסות כדי צו קענען אקאמאדירן די פילע בחורים און אברכים וואס זיי פלאנען צו פארכאפן ביים ארויספארן פון לאנד אויף קומענדיגן ראש השנה. עס איז נישט באקאנט צי זיי פלאנען עס טאקע, צי זיי סטראשענען בלויז כדי אנצואווארפן א פחד. אין יעדן פאל שטייט מען גרייט צווישן ברסלב'ער חסידים לעמוד על המשמר ח"ו און נישט צו געבן קיין הסכמה פארן גיוס און ענדערש גיין אין תפיסה ווי זיך ח"ו ברעכן.

*

די חברי כנסת המינים פרובירן צו כאפן מאמענטום פון דער נושא פון פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, און זיי ווענדן זיך צום ראש הכופרים שר"י און אנדערע צו מוותר זיין אויף זייערע ארויספאר באגרעניצונגען אויף כאטש איין וואך.

זיי באטאנען אינעם בריוו אז זיי מיינען נאר די נייע עריקים ומשתמטים. אפשר וואלט טאקע געוועזן א גוטער געדאנק פאר נאך חברי כנסת המינים זיך אנצושליסן אין מ. פרוש'ס הונגער סטרייק וואס וועט בעסער דינען זייער ציל פון באקומען אויפמערקזאמקייט פון זייערע פארלוירענע משלחים.

*

די קאמפאני 'אאורה' וואס פינאנצירט די חפירות אין יאהוד קומט ארויס מיט אירע פינאנציעלע באריכטן אז זי איז היפש געפאלן מיט 6 פראצענט, אזוי אויך די קאמפאני 'כלל' איז געפאלן מיט מער ווי זעקס פראצענט, בשעת אנדערע קאמפאניס וואס זענען געפאלן בלויז צווישן 1 און 2 פראצענט. כאשר החילות תיפול...

*

די מחאות אנטקעגן די חיטוטי שכבי אין יאהוד זענען ווייטער ממשיך, ווען היינט פארן ארויס חברי ורבני הכוללים "דבר שמואל" פון קהל חסידי ירושלים בראשות דעם ראש הכולל הרה"ק ר' אשר זעליג פריעדמאן שליט"א. דעם היינטיגן טאג כ"ג אב גייט מען אריין אינעם פערטן חודש(!) פון דער מלחמה למען אמונתינו ולמען די ישיני עפר! אבינו מלכינו עשה למען אוהביך שוכני עפר!

*

דער נשיא המדינה שר"י איז היינט געקומען אין שטאט 'ביתר' לרגל פתיחת הזמן ביים פרומען ציבור, אין ת"ת קארלין וואו די ילדי תשב"ר הבל פיהם ש... האבן רח"ל מקבל פנים געווען דעם אוכל נבילות וטריפות ביותרת הכבוד, מיט שירה און געזאנג, בד בבד ווען מען זאגט דארט א מי שברך פארן צה"ל, רח"ל.

א ערליכער ביישפיל פון 'קדושת שבת' מיט 'עבודת השם' אן קנאות. מי בקש זאת מידכם?!

## בקש לעקור את הכל: רשעי 'ישראל' עפענען פרישע פראנט קעגן ערליכע בתי מדרשים אין שטאט תל אביב

נאך די סומאטאכע פאר דריי יאר צוריק, ווען די תל אביב שטאטראט האט פארבאטן דאס אפהאלטן די הייליגע תפילה פון נעילה אום יום כיפור אויף די גאסן פון שטאט מיט א מחיצה, זענען זיי אצינד אין א שאקירנדע שריט ארויסגעקומען מיט א קאמף קעגן די שולן אין שטאט צו ארויפצווינגען זייער אנטי-אידישע שטאנד, מיטן ציל אז די שולן אין שטאט זאלן ליידער ווערן ככל הגוים בית ישראל.

די שטאטראט האט אפגעשיקט א בריוו צו 130 שולן וואס אפערירן אין לאקאציעס געגעבן דורכן שטאטראט (ווי מרן רביה"ק זי"ע האט שוין פאראויסגעזאגט זייערע צילן מיט 'העלפן' מוסדות און קהלות - זלעפה אחזתני רשעים 'עוזבי' תורתיך) וואו זיי שרייבן אז די גבאים דארפן אונטערשרייבן א נייע אפמאך אז זיי נעמען זיך אונטער צו צושטעלן רעליגיעזע סערוויסעס פאר אלע איינוואוינער אין זייער געגנט, אן קיין אונטערשייד פון רעליגיע אדער צי זענען זיי א מאן אדער פרוי, און אויב ווערט דאס נישט אויסגעפאלגט וועט די שטאטראט איבערגעבן די שול פאר אנדערע ארגאניזאציעס פאר בעסערע נוצן.

כמה גדולי עיני חכמים רבותינו נ"ע וועלכע האבן געפירט א מסי"נ קאמף נישט צו נעמען קיין שום שטח פון דער עירייה און די מדינה.

מיטן אריינשטעלן דעם צושטאנד אינעם אפמאך זוכט די שטאטראט צו שטערן די שולן פון זיין אפן בלויז פאר אידן און קענען אפערירן מיט א ווייבער שול אדער א מחיצה. פילע רעליגיעזע און טראדיציאנעלע פאליטיקאנטן זענען ארויסגעקומען 'פארדאמען' דעם שריט.

האלט מיט לעבעדיג די פייערדיגע פראנטן פון אונזערע ברודער בארה"ק

קול זעקה 605.313.6884

קול האמונה 605-313-6878

מערכת סאטמאר 605-615-7000 1-1-4

משמרת חומתינו

## גבור חיל באפרייט! ראש מערכות הקודש הרב שמואל ווייספיש שליט"א יו"ר וועד אסירי ציון



גיבור החיל פארנט פון תפיסה גלייך נאכן באפרייט ווערן ווערט אויפגענומען דורך ראש מערכות הקודש הרב שמואל ווייספיש שליט"א יו"ר וועד אסירי ציון און הרב אשר פריימאן שליט"א וועלכע קעמפן פאר די אסירי ציון פונעם ארעסט ביזן באפרייאונג